"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

'זכרון עלמא דאתי'

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר י"ג

חודש טבת שנת תשפ"ג לפ"ק

# פרנס החודש

נתנדב על ידי החתן החשוב והיקר, העוסק בצרכי ציבור באמונה,
איש ישר וטוב לב
ה"ה
הבה"ח הנגיד **חיים כהנא** הי"ו
בן מו"ה **יעקב אברהם ברוך** הי"ו
**לרגל נישואיו למעז"ט בשעה טובה ומוצלחת**
עב"ג הכלה החשובה
בת מו"ה **יעקב יצחק פריעדמאן** הי"ו
**ביום ב' פ' שמות הבעל"ט באולם עטרת אברהם**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שיקום בית נאמן בישראל,
ויראה דורות ישרים ומבורכים, צדיקים יראים
ושלמים, מתוך הרחבת הדעת והנפש, עושר
אושר ונחת כל הימים


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**
~ ~ ~
ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור
הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9
~ ~ ~


נעשה בפיקוח "**מוסדות קרן אור**" – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א



©
כל הזכיות שמורות



נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


דער סוד וואס אלע ווייסן... ............ א
זיך איינקויפן אייביגע בירגערשאפט ............ ד
"בְּחָכְמָה יִבָּנֶה בָּיִת" ............ ה
פאררעכטן דעם פארגאנגענהייט ............ ו
ארייגעפאלן ביים סעודת ראש חודש ............ ז
פארוואס נישט יעצט? ............ ח
זיך אפרוהען – צו וואס? ............ י
געלערנט ביז די כוחות האבן זיך אויסגעלאזט... ............ יב
מען קען זיך נישט ארויסדרייען! ............ יד
די ערשטע זאך אין די יונגע יארן ............ טז
קומט ארבעטן ביי מיר! ............ יח

# מאמר י"ג

## זכרון עלמא דאתי

### דער סוד וואס אלע ווייסן...

דער רבי האט געזאגט[א]: **"את זה תקבלו ממנו"** – אט דאס זאלט איר ביי מיר מקבל זיין, **"די וועלט זאל אייך נישט אפנארן!"**. עס איז דא זייער אסאך כוונות אין דעם דיבור. אבער בפשטות, **די וועלט נארט אָפּ א מענטשן!**[ב] א מורא'דיגע זאך, עס דאכט זיך פאר מענטשן אז מען גייט לעבן טויזנט יאר... מענטשן פירן זיך אויף אזא סארט אופן אזוי ווי ער וועט לעבן נאך טויזנט יאר. א פלא'דיגע

---

**א.** שיחות הר"ן, אות נ"א.

**ב.** עיין בתהלים 'ישועות אשא' (ס"ח י"ט) וז"ל מורינו שליט"א: יש משל לאדם שלא ידע שיש סוג רכב כזה הנקרא 'באן' (-רכבת). פעם אחת לקחוהו כשהוא ישן ושמו אותו בה'באן'. כאשר הקיץ וקם משנתו בעודו בה'באן' והנה הוא מתבונן מסביבו רואה שהוא נמצא בבית מסויים שלא הכיר כמותו, ומחלון הבית הזה הוא רואה בהתפעלות איך ששדות ובתים ועצים רצים במהירות, עד שהיה יכול להעיד בבית-דין בעדות גמורה שכך ראה, שהוא עמד על עמדו ועצים ובתים רצו, לא כן אם היתה לו ידיעה מוקדמת מבחוץ, בטרם שהוכנס לה'באן', שה'בית' שהיה בו היא סוג מרכבה כזאת 'באן', שהוא בית שרץ, וכל מה שראה שהם רצים הוא להיפך, שהם עמדו, אלא שכך נדמה לו מחסרון ידיעה מבחוץ.

כך אנו הברואים חיים בדמיונות ומחשבות שוא, כי אנו נמצאים בפנים עלמא דשיקרא. ועל זה כשמשה עלה למרום, כמו שכתוב: **"עיר גבורים עלה חכם"** (משלי כא, כב), וכמ"ש **"עלית למרום שבית שבי"** ופרש"י 'את התורה'. אזי התבונן היטב וראה את הבריאה האמיתית ואיך אנשי העוה"ז בהבל מבלים את ימיהם. ורק ע"י התורה שהוריד לעמו ישראל, נתגלה האמת גם לכל הקרובים אל התורה, שהם יודעים מה נעשה בעוה"ז ומה מטרת החיים האמיתית, לא כאותו שנקלע לראשונה בחייו ל'באן'.

זאך, עס ווערט נעלם די צוויי זאכן ('הזכרון' ו'ההעלמה'), דאס קען נאר דער אויבערשטער מאכן: א זכרון וואס קיינער האט נישט קיין ספק אז מען גייט אוועקגיין פון דער וועלט - און דא איז דא אזא שכחה אז ממש אזוי ווי ער וואלט געלעבט אייביג![ג]

אוודאי, מען דארף דיביידע זאכן נוצן, דעם זכרון דארף מען נוצן צו וויסן וואס צו טוהן; אזוי ווי מיר גייען דא זיין דא א שטיקל תקופה דארף מען וויסן וואס צו טוהן. רש"י זאגט (עה"פ[ד]:) **"הִנֵּה טְפָחוֹת נָתַתָּה יָמַי"**, אז די יארן פון א מענטשן איז געמאסטן אזוי ווי טפחים. דאס ליכטל ברענט, אבער ווי גרויס דאס ליכטל איז, ווייסט

---

ג. עי' שיח שרפי קודש (ברסלב, החדש) ח"ג, אות קנ"ג: מוהרנ"ת אמר: **"עס איז ניט דא אזא מין 'וודאי' ווי דער יום המיתה, און עס איז ניט דא אזא מין 'העלמה' ווי דער יום המיתה!"**. עי' גם בספר כוכבי אור, ערך ששון ושמחה תפילה ב', מש"ש במתק לשונו: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַּאר דִיר אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט וָואס פַאר אַ הַעְלָמָה דִיא הָאסְט גִיגֶעבִּין אִין הָארֶץ פוּן יֶעדֶער מֶענְטְשִׁין אַז כִּמְעַט מֶע וֵוייסְט גָאר נִיט צִי מֶע וֶועט אַמָאל שְׁטַארְבִּין**, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל עֶס וִוייסִין קְלָאר בְּלִי שׁוּם סָפֵק אַז מֶע וֶועט פְּלוּצְלוּנְג מוּזִין וֶוערִין אַ מֵת, סֶע וֶועט גָאר קֵיינֶער נִיט קֶענֶען הֶעלְפִין. אִין בִּשְׁעַת גְסִיסָה וֶועט מֶען מוּזֶען אוֹיסְמֵייקֶען אַלֶע תַּאֲוֹת, סֶע וֶועט פוּן זֵיי אַקוֹרַאט אַקוֹרַאט גָאר נִיט אַרוֹיס קוּמֶען. אוּן מֶע וֶועט זִיךְ מוּזֶען בַּאגֵייגִינֶען מִיט דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת בְּלִי שׁוּם טַעֲנָה, אוּן מֶע וֶועט אוּם מוּזֶען אוֹסְשְׁטְרֶעקִין דֶעם הַאלְדְז בְּלִי שׁוּם תֵּרוּץ, אִין מֶע וֶועט מִיזֶען פַּאר זִיכֶען דֶעם טַעַם פוּן דֶער גְסִיסָה וָואס עֶר אִיז טוֹיזֶנְטֶער מָאל עֶרְגֶער פִין בִּיטֶער אִין פִין שְׁלֶעכְט אִין פִין אַלֶע מִינֵי פַּאסְקוּדְנֵקייט אִין דֶער וֶועלְט, מֶע וֶועט וַוארְפֶען דִי אוֹיגֶען אוֹיף אַלֶע זַייטֶען טָאמֶער קֶען אֵיְמִיצֶער אָפּ רַאטְוֶוען, אִין אַלֶע פְרַיְנְד וֶועלִין אוֹיס דְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ אוּן וֶועלִין גָאר נִיט וֶועלִין קוּקֶען. אִין דֶער גַאנְצֶער גוּף וָואס מֶע הָאט אִיהְם אָנְגֶעשְׁטָאפְּט מִיט דִי תַּאֲוֹת וֶועט עֶר מוּזֶען אִיבֶּער גֶעפוֹילְט וֶוערִין אִין דֶער עֶרְד אִין בַּא דִי וֶוערִים אִין בּוֹיךְ, אוּן מֶע וֶועט זִיךְ פוּן דֶעם אַלִימֶען נִיט אוֹיס דְרֵייעֶן אוּן נִיט אוֹיס בַּאהַאלְטִין בְּשׁוּם אֹפֶן. **אוּן וֶוען אִיךְ זָאל זַיְין פַאר זִיכֶערְט מִיט אַלֶע אַכְצִיג יָאהְר, פְלִיעֶן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ אִיבֶּער כְּהֶרֶף עַיִן אִין אַסַאךְ פוּן זֵיי אִיז שׁוֹין אִיבֶּער גֶעלָאפִין פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גָאר נִיט גִיוֶועהְין, אוּן זֵיי וֶועלִין זִיךְ שׁוֹין צוּ מִיר גֶעוִויס נִיט אוּם קֶערִין. אוּן אַזוֹי וֵוייס אִיךְ גֶעוִויס אַז דָאס אִיבֶּערִיגֶע וֶועט אוֹיךְ אִיבֶּער לוֹיפִן כְּצֵל עוֹבֵר"**, וכו', עייעו"ש דבריו הקלורין לעינים.

ד. תהלים לט, ו

קיינער נישט. אט די זאך איז דאך דער ריכטיגער דעת דקדושה, די ריכטיגע חכמה דקדושה - האבן שכל, האבן שכל זיך אנצופולן אויף דער וועלט, תורה מיט עבודה און איינקויפן מצוות אויף דער וועלט, אט דאס איז דעת דקדושה.

און חלילה אז נישט, ווען עס קומט די לעצטע מינוט, קלאפט מען זיך קאפ אין וואנט - 'וואס? אויף דעם בין איך באשאפן געווארן? אויף איינצוקויפן טויזנט יאר גיהנום? עס איז א שרעקליכע זאך! דאס איז א מורא'דיגער חשבון, דאס איז דער ריכטיגער דעת דקדושה.

מען קען זיין פון די גרעסטע חכמים - און אין דעם איז מען א 'נַעַר שֶׁבְּנְעָרִנים', אין א זאך וואס איז אזוי קלאר, וואס איז למען הבחירה. **אט דאס האט דער רבי געזאגט**[ה]**, איינע פון די יסודות פון ברסלב איז: געדענקען דעם 'עלמא דאתי'!**[ו]

---

ה. עי' ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד, אות א': כי **צריכין לשמור מאד את הזכרון, שלא יפול לשכחה**, בחינת מיתת הלב. **ועיקר הזכרון הוא לזכור תמיד בעלמא דאתי, שלא יהיה בדעתו ח"ו שאין עולם אלא אחד.** ועל ידי מה שמדבק מחשבתו בעלמא דאתי, על ידי זה נעשה יחוד הוי"ה אלק"י. עי' גם ליקוטי הלכות הל' ראש השנה ה"ו (שאגב, נכתבה באותה העת ששלח הרה"ק מוהרנ"ת זצוק"ל את ספרו לדפוס): כי בודאי מי שאינו חפץ כלל לשוב ואינו מתעורר כלל לחשוב על אחריתו ותכליתו הנצחי בודאי לא יועיל לו שום עצה ותחבולה, **אבל מי שיש לו מח בקדקדו ומשים אל לבו קצת מה שעשה בעולם ואיך הוא חולף ועובר ביגון ואנחה וצער וכאב ומכאובות וכו' וסופו לעפר ישוב. ומה יעשה ליום פקודה** וכו', רק שנדמה לו שאי אפשר לו עוד לשוב כי יצרו תקפו והמניעות מהפרנסה ומהחולקים והמלעיגים ומאשתו ובניו וכו' רבו מאד מאד עד שיש שבאמת קשה מאד מאד ליתן להם עצה טובה ודרך ישרה איך לשוב. **אליהם תיטוף מִלָּתִי** ועמהם אנו עוסקים לדבר באמת ובתמים.

ו. עיין באוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רט"ז) וז"ל מורינו שליט"א: ואם לא שזכרוני מטעני, אתרמי שפתחתי ספר 'נשמת חיים' ממנשה בן ישראל והתנוצץ לי הענין של חיים, והכל בהשגחה נפלאה שהרציתי דבר זה לרבים עד שהגיע גם לאמעריקא, היינו שלא להחליף בין 'חיים' הנקרא 'מיתה' לבין 'חיים' הנקרא 'חיים', **שזה אחד מהיסודות של מוהרנ"ת זי"ע שקיבל 'אמיתת החיים בעולם הזה' מקודש הקדשים רבינו הק' זי"ע.**

## זיך איינקויפן אייביגע בירגערשאפט

עס איז דא א ווארט: "גֵּר וְתוֹשָׁב אָנֹכִי עִמָּכֶם"[ז]. (לכאורה) אז מען איז א גר איז מען דאך נישט קיין תושב, און אז מען איז א תושב איז מען דאך נישט קיין גר? נאָר אז מען ווייסט אז מען איז נאר דא אלס א גר, מען איז נישט דא אויף אייביג, מען גייט אוועק פון דאנעט, קויפט מען זיך איין תושבות[ח]. מען קויפט זיך איין אזעלכע זאכן וואס בלייבט אויף אייביג, מען איז זיך מדבק צום אויבערשטן, מען איז עוסק בתורה און מען טוהט נישט קיין שלעכטס, מען קויפט. דער אויבערשטער איז דאך נצחי: "**ומי שדבק בו חי חיים נצחיים כמוהו!**" - אזוי שטייט אין ליקוטי מוהר"ן[ט]. איז אויב מען ווייסט אז מען איז א גר, איז מען א תושב. אויב אבער מיינט מען אז מען איז א תושב, איז מען קיין גר אויך נישט. ווי קען מען לעבן אין

---

ז. בראשית כג, ד.

ח. עי' דגל מחנה אפרים, בהר, ד"ה כי, וז"ל: כי גרים ותושבים אתם עמדי. יש לומר בזה בדרך רמז להבין זה על פי ששמעתי מחכם אחד על פסוק (תהלים קי"ט, י"ט) גר אנכי בארץ אל תסתר ממני מצותיך וכו', עיי"ש ... והוא שהתפלל דוד המלך ע"ה "גר אנכי בארץ" היינו אני גם כן איני רוצה להיות תושב בעולם הזה ואני רק כגר בעולם הזה ולכך אל תסתר ממני מצותיך כמו גר אחד בפני חבירו שמספר לו כל לבו, **וזה יש לומר הרמז בפסוק: כי גרים ותושבים כשתהיו בבחינת גר בעולם הזה ותושב בעולם הבא אז אתם עמדי כי אני גם כן גר בעולם הזה** כנ"ל וממילא אל אסתיר מכם מצותי כנ"ל והבן.

ט. ח"א, סי' כ"א, בסופו. עיין בספר אוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רט"ז) וז"ל מורינו שליט"א: צריך לדעת שפירוש 'חיים' הוא 'חיים נצחיים'. גם השבת אמרתי פירוש על "יום המות מיום הוולדו", היינו שיום המות מתחיל מיום הוולדו, שבכל יום שעובר נקרא שמת כבר יום, ויום המות מתחיל מיום הוולדו ממש. אולם לאלו שחיים חיים כאלו הנקראים חיים, וחייהם חיים נצחיים, על זה אין שייך לומר אם עובר יום שמת יום, כי הלא הוא נצחי. ועיין באדרא זוטא שאמר רשב"י קודם הסתלקותו "לא המתים יהללו י'ה" הם הרשעים שנקראים מתים, והראי' מסוף הפסוק "ולא כל יורדי דומה", שהוא השם של שר של גיהנום (והם המתים, מכיון שסופם לאבדון רח"ל, א"כ כל העומד ליקצץ כקצוץ דמי, אבל הצדיקים הנקראים חיים העוסקים גם בעוה"ז בעבודת השי"ת ודבוקים בחיים של התורה ובהצדיקים הנקראים חיים – נברך י'ה מעתה ועד עולם).

דער וועלט? דא איז דאך א וועלט מיט צרות, א וועלט פון מעברים? "**אשרי מי שעמלו בתורה!**"[י].

## "בְּחָכְמָה יִבָּנֶה בָּיִת"

עס איז דא א כלל: "**מי שעוסק בבנין מתמסכן**"[יא]. 'בויען א בנין' איז אמאל א סכנה, דער אויבערשטער זאל אים באהיטן. עס איז געווען א דבר ידוע, מענטשן בויען שרעקליכע בנינים, שרעקליכע ווילאַ'ס, און זיי זענען נישט זוכה צו וואוינען דארטן. איז די עצה: "**בְּחָכְמָה יִבָּנֶה בָּיִת**"[יב]. פארוואס? ווייל עס ווערט א קטרוג, א מענטש בויעט זיך א בנין אזוי ווי ער וואלט געלעבט אויף אייביג; וואס בויעסטו דיר? ער בויעט זיך... אויף דעם ביסטו אראפ אויף דער וועלט? אזוי שטארק זיך צו נארן? לאמיר זיך נישט נארן! אבער אז מען בויעט מיט חכמה - וואס איז די חכמה? אז מען ווייסט אז עס איז אַן 'עראי', כדי עס זאל זיין א מקום "**בְּחָכְמָה יִבָּנֶה בָּיִת** (וכו') **וּבְדַעַת חֲדָרִים יִמָּלְאוּ**", צו קענען אויסנוצן דער שטוב אויף צו מחנך זיין די קינדער, צו בויען א אידישע שטוב, לערנען און דאווענען, אויסנוצן דער צייט 'בחכמה'[יג].

---

**י.** ברכות יז ע"א.

**יא.** סוטה יא ע"א.

**יב.** משלי כד, ג.

**יג.** עי' ליקוטי הלכות הל' מזוזה ה"ד, אות ג': **וזכרון זה לזכור בהשי"ת, שהוא זכרון העולם הבא צריכין ליזהר לשמרו ביותר כשבונין בית**, כי זה שבונה בית הוא כאילו שוכח ח"ו בעולם הבא, ועושה לעצמו קביעות דירה בזה העולם הכלה ועובר, כי בודאי אם יעמיק מחשבתו באמת בקביעות חיי עולם הבא. ובמהירות פריחת העולם הזה העובר כצל עובר וכענן כלה וכו' **בודאי אין שגעון גדול מזה כשרוצה לבנות לעצמו בית על רגע קלה כזאת אשר מוכן לעבור מכאן בלי ספק חיש קל מהרה**. ועל כן באמת צוה יהונדב בן רכב לבניו שישבו באהלים ולא יבנו בתים וכו'. **כי מי שבונה ביתו בלא דעת ושוכח בהעולם הבא הוא בודאי גרוע ממשוגע**. ועל זה נאמר, 'הוי בנה ביתו בלא צדק ועליותיו' וכו'. 'האומר אבנה לי בית מדות' וכו'.

עס איז טאקע דא א תורה'לע אין ליקוטי מוהר"ן[יד]: "**וְיַעֲקֹב נָסַע סֻכֹּתָה וַיִּבֶן לוֹ בָּיִת**"[טו]. "ויעקב נסע סוכתה" - די סוכה איז א דירת עראי, אבער דורך דעם איז "ויבן לו בית". דער "ויבן" איז טאקע א לשון 'הבנה', ער האט געבויעט א בית מיט הבנה. אויף דעם איז שוין נישטא קיין קיטרוג, אדרבא, דאס איז דער ריכטיגער שֶׁבֶת, מען בויעט אויף א שטוב אויפצובויען אידישע דורות אז די אמונה הקדושה זאל נמשך ווערן ווייטער דארטן, אט דאס איז די חכמה - דערמאנען זיך! דערמאנען זיך! אז נישט איז א קיטרוג.

מען זעהט טאקע, ברוך השם, יונגע קינדער, מען קען נאך אנפולן די יארן מיט אזויפיל טוב, ממש "**וְאִם לֹא עַכְשָׁיו - אֵימָתָי?**"[טז], ממש "**וְאִם לֹא עַכְשָׁיו - אֵימָתָי?**". לייגן א גוטן יסוד איינצוקויפן דעת דקדושה, דעת תורה, אמונה הקדושה, וויסן וויאזוי צו דורכלעבן די יארן,

## פאררעכטן דעם פארגאנגענהייט

עס איז אמאל געקומען א מענטש צו מיר און ער זאגט מיר: 'איך בין שוין פופציג יאר - איך קען זיך נישט מוחל זיין; וואס האב איך געטוהן אין מיינע יארן!?...'

---

וכתיב, 'בנה כעש ביתו' וכו'. וכתיב, 'הבנים חרבות למו ובתים יתעתדו לגלים' וכו' וכן הרבה. על כן בכניסת הבית צריכין ליזהר מאד לזכור תיכף בהעולם הבא ששם עיקר הבית ושם עיקר הקביעות. ומה שבונה לו בית בזה העולם הוא גם כן רק בשביל העולם הבא כדי שיוכל לעבוד בביתו את ה' יתברך בעסק תורה ותפלה והכנסת אורחים וכבוד שבת וכו'. כי צריך כל אחד לכון בבנין ביתו שיהיה ביתו בית תורה, בית תפלה, בית ועד לחכמים, בית פתוח לרוחה ויהיו עניים בני ביתו ואז ביתו בית ה'. ועל זה נאמר, 'בחכמה יבנה בית' וכו'. **ואז בודאי מצוה גדולה שיבנה לו בית לשם ה'.**

**יד.** סי' רס"ו.

**טו.** בראשית לג, יז.

**טז.** אבות פ"א, מי"ד.

אינטערעסאנט, (פון דעמאלט און ווייטער) ער איז געקומען ביי אונז אין 'מאה שערים', ער פלעגט אלעמאל אויפשטיין חצות און זיך מתבודד געווען אלע טאג, און דערנאך געדאווענט ותיקין, און אפגעזאגט אלע טאג גאנץ תהלים, געזיצן ביי אלע שיעורים, געזיצן און געארבעט און געארבעט אלע טאג - ער האט נאך געלעבט פינעף-און-דרייסיג יאר דערויף.

**ממש ער האט גענומען דעם עתיד און פאררעכטן דעם עבר.**

דער בעל דבר וויל פונקט פארקערט – ער זאל נעמען דעם עבר און צעברעכן דעם עתיד...

א פלא'דיגע זאך, ער האט נאך אריינגעכאפט א האלבן יאר פאר זיין הסתלקות אַן אומאן אויך!

ער האט מיר געזאגט: 'אוי האב איך חרטה, אוי האב איך חרטה אויף וואס האב איך אוועקגעגעבן מיינע יארן? איך וועל זיך נישט מוחל זיין!'

## אריינגעפאלן ביים סעודת ראש חודש

עס איז אמאל געקומען צו מיר א אינגערמאן נאך זיין חתונה. עטליכע טעג האב איך געהארעוועט צו מאכן א 'סעודת ראש חודש'[יז], מען איז געקומען פון 'גבעת שאול' - פון גאנץ ירושלים. דעמאלט האבן זיך צאמגעקליבן זיבעצן יונגעלייט: ר' גדליה קעניג, ר' דוד ראזענפעלד ע"ה, ר' שמעון אנשין, ר' אברהם הירשלער - און נאך 'כָּהֵנה' וויפיל עס האט זיך געמאכט. איז ער האט זיך אריינגעכאפט אמאל, האט ער געהערט דיבורים, ער האט געהערט

יז. כידוע שמורינו שליט"א השקיע הרבה ממיטב כוחותיו לסדר חבורות לאברכים ובחורים וצעירי צאן, להיות דולה ומשקה מתורת ודעת רבינו הקדוש למען יעמדו ימים רבים ע"פ דרך הסלולה והמקובלת לנו מדור דור, ולהחיות נפשות ישראל לאביהם שבשמים בהתוועדות ושיחות חבירים, כמובא בספרי 'אוסף מכתבים' ובפרט במה שכתב להרה"ח רבי צבי יוסף וואסילסקי ז"ל (בחלק ד').

מורא'דיגע דיבורים. האט ער מיר אליין געזאגט, אז ווי נאר ער האט געהערט די דיבורים האט ער זיך גענומען און ער האט זיך געראטעוועט ממש!

**פארוואס נישט יעצט?**

דער "**ואם לא עכשיו - אימתי**", דאס איז דאך א מורא'דיגע זאך. פארוואס זאגט א מענטש 'שפעטער'?; 'נישט יעצט – שפעטער', יעצט וויל ער רעדן דברים בטלים. פארוואס נישט 'יעצט'? (דער תירוץ איז:) ער מיינט אז שפעטער וועט זיין גרינגער; עס איז אבער א געוואלדיגער טעות! א מענטש איז אראפגעקומען אויף דער וועלט צו ברעכן מניעות, עס איז נישטא קיין 'נישט ברעכן מניעות', "אדם לעמל יולד אשרי מי שעמלו בתורה", עס מוז זיין אַן 'עמל'.

פארוואס זאל זיין שפעטער גרינגער - פארוואס? עס וועט זיין א צווייטע מניעה!

נאך מער, מיט דעם אליין וואס א מענטש זאגט 'שפעטער' און ער איז זיך נישט מתגבר אויף 'ערשט' (- יעצט), האט ער געטוהן א פעולה אז דער 'שפעטער' זאל זיין 'שווערער'. אז דו קענסט זיך נישט יעצט מתגבר זיין, נו ווי קענסטו זיך שפעטער יא מתגבר זיין? פארקערט, עס איז גאר אַן עונש אז שפעטער זאל דיר זיין שווערער!

**ערשט!**

**ערשט ברעך דער מניעה!** רעד נישט קיין דברים בטלים, נעם די גמרא און נעם דיר לערנען! נעם דיר לערנען – ערשט!

און ווייטער, "**ואם לא עכשיו - אימתי?**". אפילו שפעטער (וועט ער זיך יא נעמען), אבער וואס וועט זיין מיט דעם 'ערשט'? וואס וועט זיין מיט די פאָר מינוט פון 'ערשט'? פאר די פערטל שעה, די האלבע שעה, וואס וועט זיין? פאר דיר פעלט עס נישט אויס? דאס איז

נישט פון דיינע יארן? דאס דארפסטו נישט אנפולן מיט טוב? דו האסט רשות עס אוועקצוגיבן פאר דער סטרא אחרא?![יח]

אט דאס איז דאס התבודדות פון דעם רבי'ן - אויף דעם חשבון הנפש וואס מען דארף שרייען פארן אויבערשטן – וואס רבי נתן שרייט: **"עַל מָה אֲתֵינָא לְהַאי עָלְמָא שְׁפָלָה?!"** - וואס מען דארף דאס אלע טאג - אלע טאג שרייען פארן אויבערשטן![יט] מען דארף עס ארויסגעבן פון הארץ פארן אויבערשטן, און אוועקגיין מיט אַן התעוררות, מיט א התרוממות, זיך צו באנייען אין שמירת הזמן, לערנען, דאווענען.

---

**יח.** עי' ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות ה': ועל כן אסור להאדם לדחות את עצמו מיום ליום רק לידע היטב שזה היום לא יהיה לו עוד כל ימי חייו, כי יום האחר הוא ענין אחר לגמרי והלואי שיפרע בזמנו שיזכה למחר לצאת ידי חובתו מה שצריך ליפרע לה' יתברך חובת הזמן של יום מחר בעצמו. אבל על כל פנים חלילה להטעות את עצמו לדחות מיום ליום. וכמו שכתב אדמו"ר על פסוק 'היום אם בקולו תשמעו', שעיקר העבודה מי שרוצה לשמוע בקולו יתברך ולדבקה בו העיקר הוא שידע שהעיקר הוא היום. היום דייקא וכו', כמבואר שם (בסימן ער"ב).

**יט.** עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות י"ד: **"עיקר ביטול השכחה ולזכות לזכרון דקדושה לאדבקא מחשבתיה בעלמא דאתי בכללות ובפרטיות בשלימות הוא רק על ידי הדיבור**, כמו שאמרו רז"ל, זכור בפה. וכמו שרואין בחוש גם בענין לימוד הפשוט שעל ידי שחוזר משנתו הרבה פעמים בפה מלא על ידי זה זוכר לימודו תמיד וכן הוא גם כן לענין זכרון בעלמא דאתי הנ"ל, שעיקר העצה לזכות לזה הוא לחזור הזכרון הזה בדיבור פיו להיות רגיל בכל יום לדבר בפה מלא מענין הזכרון הזה, **מה יהיה התכלית ממני לעולם הבא מה יהיה סופי, וכי באתי הנה לקבוע עצמי חס ושלום, בזה העולם, הלא הכל יודעים שאין שום קביעות בזה העולם העובר והרץ והפורח מאד ולא באתי הנה כי אם להכין עצמי לעלמא דאתי** וכו', ועל כן צריכין ללמוד הרבה ספרי מוסר הבנויים על יסודות אמונתנו הקדושה, כי הספרי מוסר הקדושים מזכירין היטב את תכלית עולם הבא. **וכן צריכין להתבודד הרבה בכל יום ולדבר עם עצמו בפה מלא מתכלית עולם הבא** כנ"ל, **כי הדיבור יש לו כח גדול להזכיר את האדם**. וזה בחינת **'כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד'"** (מועתק מספר "משיבת נפש", אות צ"ו).

**זיך אפרוהען – צו וואס?**

אוודאי איז דא אַן ענין פון 'פיקוח דעת', אבער רבי נתן נעמט דאס גוט אָן[כ]; פונקט פארקערט, מען האט א פיקוח דעת אויף אָנצוגיין ווייטער.

איך בין אמאל געווען אין א 'בית הבראה' (- אפרוהה היים). איז שלש סעודות האט מען מיר געהייסן רעדן, האב איך געזאגט: עס שטייט דאך[כא]: **"אָדָם לְעָמָל יוּלָּד"**. פון וואנעט האט מען געהאט רשות צו מאכן א הבראה? פון וואנעט האט מען רשות זיך אפצורוהען? דער פסוק זאגט: "אדם לעמל יולד"; די גאנצע וועלט שלאגט זיך מיט דעם, מען מאכט פאטענטן און אלעס אז עס זאל גיין גרינגער דאס לעבן - און מען לעבט נאך אלץ שווערער... מען וועט זיך נישט ארויסדרייען פון דעם בשום אופן שבעולם!

"אדם לעמל יולד" – "אשרי מי שעמלו בתורה!"[כב].

---

**כ.** עי' חיי מוהר"ן, אות תל"ה. ושם באות תקל"ג: "אמר, כשהמח נתייגע מהלימוד אז צריכין לשוח ולדבר שיחות חולין עם בני אדם כדי לפקח דעתו, והשיחה הזאת היא כמו שינה שהיא נייחא להמוחין. **ושיחה כזו אינה בכלל דברים בטלים חס ושלום כלל, אדרבא, היא מצוה גדולה** ועל זה אמרו רז"ל (מנחות צט) ביטולה של תורה זהו קיומה כמו שכתוב (תהלים קי"ט) "עת לעשות לה' הפרו תורתך". כי אם לא יתבטל קצת לפקח דעתו בשיחה אזי ח"ו יתבטל מכל וכל" וכו', עיי"ש.

**כא.** איוב ה, ז.

**כב.** עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קי"ט: דיבר עמנו כמה פעמים מענין יסורי עולם הזה, שכל בני העולם כלם מלאים יסורים, אין גם אחד שיהיה לו עולם הזה. **ואפילו העשירים הגדולים ואפילו השרים, אין להם שום עולם הזה כלל**, כי כל ימיהם כעס ומכאובות, וכולם מלאים טרדות ודאגות ועצבות ויגון ואנחה תמיד, וכל אחד יש לו יסורים מיוחדים, ואין גם אחד מכל הגבירים והשרים, שיהיה לו הכל כסדר כרצונו תמיד, וכולם כאחד מלאים יסורים ודאגות תמיד, וזה ברור וידוע לכל מי שבקי קצת בהם ובדרכיהם. וכמה פעמים דיברנו מזה, והיינו רואים בעינינו כל זאת. ואפילו מי שנדמה עליו, שיש לו העולם הזה בשלימות ויש לו כל התענוגים, עושר ונכסים וכבוד והון רב וארמונים גדולים וכלים נפלאים ותכשיטין וסגולת מלכים וכו' אם יסתכלו בו היטב, הוא גם כן מלא כעס ומכאובות הרבה תמיד בכמה מיני אפנים

עס איז דאך פארהאן א גמרא[כג]: **"כּוּלְּהוּ גּוּפֵי דְּרוּפְתְּקֵי נִינְהוּ"** - אלע מוטשען זיך, אלע מוטשען זיך, **"טוּבֵיהּ לִדְזָכֵי וַהֲוֵי דְּרוּפְתְּקֵי דְּאוֹרַיְתָא!"** "אשרי מי" וואס ער מוטשעט זיך אין דער תורה, ווייל אנשטאט זיך צו מוטשען אין דער סטרא אחרא, מוטשעט ער זיך אין דער תורה!

האב איך געזאגט, פון וואנעט האבן מיר רשות צו מאכן א בית הבראה? האב איך געזאגט אזוי: די וועלט האט א טעות, אז מען פרעגט איינעם: 'פארוואס ארבעטסטו 'יומם ולילה'?' (ענטפערט ער:) 'וואס הייסט, עס וועט קומען א צייט - איך וויל בויען א ווילא, איך וויל האבן געלט אין באנק איך זאל זיין רואיג!'

**עס איז 'לא היה ולא נברא', עס איז דאך 'אדם לעמל יולד'.** נאר דאס יא, איך רוה זיך אָפּ אז איך זאל קענען ווייטער ארבעטן. פארקערט, נישט מען ארבעט אז מען זאל זיך קענען אפרוהען, (נאר מען רוהט זיך אפ צו קענען ארבעטן!).

---

ועניינים, **כנראה בחוש**, ואין צריך לבאר זאת למי שיש לו מח בקדקדו ומסתכל קצת בהם באמת, וכמו שאמר שלמה המלך עליו השלום (קהלת ב): "גם כל ימיו כעס ומכאובות" וכו', וכתיב: "אדם לעמל יולד קצר ימים ושבע רגז" (איוב י"ד). **וזה כולל כל בני אדם שבעולם מקטן ועד גדול**, כי כולם נולדו לעמל ומלאים רוגז ויסורין, **ואין שום עצה ותחבולה להינצל מעמל ויגון הזה כי אם לברוח להשם יתברך ולעסוק בתורה.** וכמו שמובא במדרש (בראשית רבה פרשה יג:) **"אדם לעמל יולד" 'אשרי מי שעמלו בתורה'**, היינו מאחר שכל אדם נולד לעמל, ואי אפשר להימלט מזה בשום אופן, אפילו אם יהיה לו כל חללי דעלמא, בודאי יהיה לו עמל ויסורין ודאגות הרבה, על כן החכם עיניו בראשו שיהפך העמל לעמל של תורה, אשר בשביל זה נולד שיעמול בתורה, **ואז אשרי לו, כי ניצול מעמל העולם הזה וזוכה לחיי עולם הבא.** ענה ואמר רביז"ל: **הנה הכל אומרים, שיש עולם הזה ועולם הבא. והנה עולם הבא אנו מאמינים שיש עולם הבא, אפשר יש גם עולם הזה גם כן באיזה עולם, כי בכאן נראה שהוא הגיהנם, כי כולם מלאים יסורים גדולים תמיד.** ואמר: **שאין נמצא שום עולם הזה כלל!.**

**כג.** סנהדרין צט ע"ב. (ופירושו: כל הגופין לעמל נבראו, אשריו למי שזכה והיה עמלו וטרחו בתורה. רש"י)

די וועלט איז נישט פאר דעם באשאפן געווארן; 'יום מנוחה' איז **"לְיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת וּמְנוּחָה לְחַיֵּי הָעוֹלָמִים"**, דעמאלט וועט זיין דער יום מנוחה, יעדער וועט נהנה זיין מזיו השכינה, יעדער וועט זיין אויף זיין פלאץ וואס דארטן וועט זיין זיין שורש נשמה אינעם אויבערשטן כביכול, דאס איז די ריכטיגע מנוחה!

דא דארף מען **אויסארבעטן** דער (ענדגליטיגער) מנוחה, דאס איז דאס!

## געלערנט ביז די כוחות האבן זיך אויסגעלאזט...

א מענטש האט אמאל געזאגט דעם "חזון איש" א ווארט - א שיינעם ווארט, וואס האט א שייכות צו אים[כד]. עס שטייט: **"וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב וְאֶת הָאָרֶץ כִּי נָעֵמָה וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל"**[כה]. אויב "וירא מנוחה כי טוב", וואלט דאך געדארפט שטיין 'ויט למנוחה'? דערפאר 'ויט שכמו לסבול'? עס איז דאך א סתירה מיניה וביה! "וירא מנוחה כי טוב" – אז דאס איז א גוטע זאך, "ואת הארץ כי נעמה. ויט שכמו לסבול" - ער זאל גיין ארבעטן, ער זאל גיין הארעווען. אויב מנוחה איז גוט, פארוואס גייסטו הארעווען? פארקערט, עס וואלט וועגן געדארפט שטיין 'ויט למנוחה'?

זאגט ער, וואס איז געוועזן דער גנאי פון 'קַיִן' און דער שבח פון 'הבל'[כו]? נאר קין'ס גנאי איז געוועזן א מורא'דיגע זאך, דו ברענגסט א מתנה דעם אויבערשטן - דער אויבערשטער גיט דיר דאס גאנצער לעבן, אלעס גיט דיר דער אויבערשטער - אז דו ביסט מקריב א קרבן, דו גיבסט דאך פארן אויבערשטן - מאך, ווייז דאס בעסטע און דאס שענסטע - גיב! ווייז פארן אויבערשטן – איך בין פאר דיר מקריב א קרבן, איך גיב דיר דאס בעסטע און דאס

---

**כד.** הובא בספר "מעשה איש" (תולדות מרן החזו"א) חלק ז'.

**כה.** בראשית מט, טו,

**כו.** עי' בראשית ד': **"וְהֶבֶל הֵבִיא גַם הוּא מִבְּכֹרוֹת צֹאנוֹ וּמֵחֶלְבֵהֶן, וַיִּשַׁע ה' אֶל הֶבֶל וְאֶל מִנְחָתוֹ. וְאֶל קַיִן וְאֶל מִנְחָתוֹ לֹא שָׁעָה, וַיִּחַר לְקַיִן מְאֹד וַיִּפְּלוּ פָּנָיו"**.

שענסטע! - ער גיט דיר דאך אלעס, ער גיט דיר דיין אָטעם - אלעס! אלעס גיט ער דיר!

עס איז דא א מדרש[כז]: ווער עס ווייסט וויפיל וואסער עס איז דא אין ים כנרת, דער ווייסט וויפיל שמן יעקב האט געגאסן אויפן 'אבן' אויף וואס ער האט צוגעזאגט אז ווען ער וועט צוריק קומען בשלום וועט ער גיסן בוימל-אויל! אזויפיל בוימל-אויל האט ער געגאסן... יעקב אבינו איז געווען זייער רייך.

ווער עס ווייסט וויפיל וואסער עס איז דא אין כנרת, דער ווייסט וויפיל בוימל יעקב האט געגאסן פארן אויבערשטן!

**אה, רבונו-של-עולם, איך בין געגאנגען ליידיג, און איך קום צוריק מיט צוועלף שבטים - אה! עס בויעט זיך א כלל ישראל - אה! און איך וועל פאר דיר קארגן?!** אין איין רגע נעמסטו עס צוריק... וואס איז שייך צו זאגן. אזויפיל בוימל האט ער געגאסן פארן אויבערשטן!

איז (צוריק צו) קַיְן - קארג ביסטו? דו קארגסט פארן אויבערשטן? דו קארגסט דעם אויבערשטן? דו גיבסט אים "מזרע פשתן" - אזא שוואכע זאך?! הבל'ס זאך איז דאך געווען א רועה צאן, האט ער געגעבן די בעסטע צאן. **די בעסטע געב איך אוועק! רבונו-של-עולם, איך גיב דיר! ברוך השם, איך קען דאנקן דעם אויבערשטן!**

איר ווייסט? עס שטייט אין ספר "חסד לאברהם"[כח], זאגט ער: יעדער שבט איז געווען חידוש אין א זאך וואס קיינער האט נישט געהאט אין דער וועלט, יעדער איינער איז געווען א חידוש אין דער וועלט: 'יששכר' האט געהאט דעם טיפסטן קאפ אין דער וועלט; 'לוי' איז געווען דער גרעסטער מנגן אין דער וועלט; 'יהודה' איז געווען דער גרעסטער דַברן אין דער וועלט; 'זבולון' איז געווען דער גרעסטער סוחר אין דער וועלט. אז יעקב האט גערדאפט אלץ

---

**כז.** מדרש רבה, פר' וישלח, פר' ע"ח, פס' ט"ז.

**כח.** מעיין ד', נהר י"ג.

אויסארבעטן א זאך, האט ער געשיקט זבולונ'ען; אז ער האט געדארפט אויספירן גיך א זאך, האט ער געשיקט נפתלי'ן; אז ער האט געדארפט א ניגון האט ער געהייסן לוי'ן - ער האט אלץ געהאט; און אז ער האט געדארפט דורכפירן א טיפע זאך, האט ער געהאט יששכר'ן, ער האט געהאט דעם טיפסטן קאפ אין דער וועלט.

האט ער (יששכר) געטראכט, וואס איז די געשמאקסטע זאך אין דער וועלט? איז אים אויסגעקומען: "**מנוחה**", דאס איז די געשמאקסטע זאך. איז "**ויט שכמו לסבול**" - אט די מנוחה וויל איך אוועקגעבן פארן אויבערשטן, די בעסטע זאך וועל איך אוועקגעבן דעם אויבערשטן!

דער וואס איז אריינגעקומען צום חזון איש האט אים איבערגעזאגט דעם ווארט, האט ער אזא הנאה געהאט פון דעם ווארט. ער (החזו"א) איז דאך געווען א יָגֵעַ, ער האט געקענט לערנען און לערנען ביז ער האט מער נישט געהאט קיין כח, ער האט נאר איבערגעלאזט אביסל כח אויף צו קענען קומען צום בעט זיך לייגן פון הארעווען...[כט] עס איז געווען א ווארט פונקט פאר אים, האט ער עס פאר אים איבערגעזאגט.

## מען קען זיך נישט ארויסדרייען!

על-כל-פנים, מען דארף וויסן, מען מוטשעט זיך אויף דער וועלט, מען וועט זיך נישט ארויסדרייען פון דעם! דער אויבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זיך מוטשען אויף הארעווען אין לערנען,

---

**כט.** עי' ספר מעשה איש (תולדות מרן החזו"א) ח"ב, פ"ו: פע"א שהה בבית רבינו הגאון רבי שמריהו גריינימאן זצ"ל, ולפתע נשמעה חבטה עזה מחדרו של רבינו. הוא סר במרוצה לראות מה אירע, ומצא את רבינו מוטל על הרצפה בפישוט ידים ורגלים. הגר"ש ניגש בבהלה אל רבינו, ושאל ברטט: מה אירע? ורבינו הרגיעו והשיבו: אַל בהלה. כרגיל אני לומד עד אפיסת כוחות, ומשאיר אני לעצמי אומדן של כח בשביל להגיע למיטה לילך לשכב. **הפעם טעיתי בחשבון...**

הארעווען אין דאווענען, זיך איינקויפן א בהירות אין עבודת השם, א קלארקייט אין דער אמונה הקדושה, א קלארקייט אין דער תורה!

אדרבה, 'אשרינו'!

'אשרינו', מיר האבן דאך דעם אויבערשטן!

יעדער שטיקעלע גמרא איז דאך א שטיק אלקות! מיט יעדן דאווענען דארף מען איינקופן אמונה מיט המלְכָה, מיט יעדער פרישות פון א חטא איז א נחת רוח וואס דאס איז 'קרבן לה'', עס איז 'אשרינו'! ברוך השם, מען גיבט אוועק דער יגיעה פארן אויבערשטן, אז נישט, עסט מען אפ דער מזל פאר דער צייט, און מען דערלייגט[ל].

א פלא, דער בעל שם זאגט א מורא'דיגע זאך. דער בעל שם זאגט, אמאל פלעגט דער בעל דבר משחד זיין א מענטשן און אים גיבן 'דער' וועלט, און ער האט אים צוגענומען 'יענער' וועלט; **הייינט איז ער אים משחד אויף 'דער' וועלט, און דערנאך נעמט ער אים צו 'דער' וועלט מיט 'יענער' וועלט...** - אזא שיחה איז דא פון דעם בעל שם[לא].

---

**ל.** עיין בתהלים 'ישועות אשא' (ק"ה ד') וז"ל מורינו שליט"א: **"דרשו ה' ועזו בקשו פניו תמיד"**. יש לזכור תמיד ביסוד מוצק זה, שאדרבה, ככל שהדבר בא בקושי וביגיעה כן יש לשמוח בו, כי כן הוא הכלל בכל עניני עבודת השם, שכל דבר הבא ביגיעה, אין עליו קטרוגים. על האדם לשמוח מאד ביגיעתו. לא פעם אין אדם מרגיש חיות בלימוד, הוא עמל ואינו מבין, או שאינו מגיע לבהירות, קושיות מבלבלות אותו, וכמו כן לענין תפילה, התפילות אינן מתנהלות לו כדבעי, הלב סתום, הוא אינו חש שום התלהבות בעבודת השם, באמירת תהלים וכדומה – עם כל זאת עליו לשמוח על עצם הדבר שהוא דורש את ה', וכדברי דוד המלך ע"ה: **'דרשו ה' ועזו בקשו פניו תמיד'**, שעצם הדרישה הוא דבר חשוב ונעלה מאד לפניו יתברך. אמנם התוצאות אינן כרצונו, אבל דרישה היתה לו.

**לא.** עי' בעש"ט על התורה פר' בראשית, אות קמ"ד: **"שמעתי כי לשעבר היה היצר הרע רק לדחותו מעולם הבא, מה שאין כן עתה נתחכם לדחות את האדם מעולם הזה ומעולם הבא**, כגון טרדת הפרנסה אשר יומם ולילה לא ישקוט, ואין לו מנוחה

אין די יונגע יארן דארף דאס גאנצער התבודדות, און די גאנצע ליקוטי תפילות, גיין אויף דעם, אנצופילן די יארן מיט 'טוב' און נישט טוהן קיין שלעכטס, נאר איינקויפן בהירות, א קלארקייט אין דער אמונה הקדושה, א קלארקייט אין תורה - מען דארף טוהן 'אזוי'.

יעדעס שטיקעלע גמרא וואס מען פארשטייט גוט איז א ריווח אויף דער וועלט!

יעדער דעת תורה וואס מען פארשטייט גוט, אפילו אין 'חכמת חיים' און 'דרך ארץ' און 'נימוס', קויפט מען זיך איין א גוטער ידיד ווי מען דארף זיך פירן.

**איז 'אשרינו'!**

## די ערשטע זאך אין די יונגע יארן

אזוי אויך, "דרך ארץ קדמה לתורה"[לב]. 'דרך ארץ' איז 'עבודת השם', זיך פירן בדרך ארץ, בנימוס. "המעביר על מידותיו מעבירין לו על כל פשעיו"[לג]. עס איז א מורא'דיגע זאך, אַן 'אדם' מיט 'דרך ארץ'; די תורה איז דאך נדמה 'לאדם'[לד].

"דרך ארץ '**קדמה**' לתורה". אבער נאך דעם וואס מען האט געגעבן דער תורה, איז די 'דרך ארץ' – '**גוף** התורה', וואס מען דערוואוסט זיך דורך איר ווי אזוי מען דארף זיך פירן אויף דער וועלט ברוחניות ובגשמיות[לה]. און דאס דארף מען איינקויפן און אריינברענגען אין

---

בעולם הזה, ומכל שכן שאין לו פנאי לפקח בעניני עולם הבא ונדחה משניהם וכו'". (מתוך תולדות יעקב יוסף פר' נח דף י"ג ע"ב)

**לב.** אבות פ"ג, מי"ז; ובויקרא רבה פ"ט, פס' ג'.

**לג.** יומא פז ע"ב ועוד.

**לד.** כמ"ש "זאת התורה - אדם". ונראה כוונתו, שכמו ש'דרך ארץ קדמה **לתורה**', כמו"כ היא קדמה **להאדם**.

**לה.** עי' ברטנורא אבות פ"א, מ"א: "'משה קיבל תורה מסיני' - אומר אני לפי שמסכת זו אינה מיוסדת ע"פ מצוה ממצות התורה כשאר מסכתות שבמשנה אלא כולם

דרכי התמימות און זיך אזוי פירן - אפילו עס איז נישטא קיין מח! דאס איז א גרויסער כלל, א מורא'דיגער כלל, א מורא'דיגער כלל!

און ווי אזוי א מענטש טוהט, ווערט ביי אים געשאפן די כוחות דערצו אז דער אויבערשטער זאל אים ווייטער העלפן 'בין לטב ובין למוטב', עס איז א דבר ידוע[לו].

עס איז געווען א איד אין טבריא, א גרויסער 'שומר הפה' געווען, זייער א קלוגער מענטש, ער פלעגט זיין א נְשׂוּא פנים, ער פלעגט קומען אויף אסיפות, אויף זאכן. ער פלעגט רעדן זייער ווינציג, זייער ווינציג גערעדט, אבער וואס ער האט גערעדט איז געווען קלאר און אלע האבן עס אנגענומען. האט מען אים אמאל געפרעגט: פון וואנעט האט ער גענומען דעם כח (המעצר)? [ער איז טאקע געווען א איד וואס האט אסאך געלערנט]. האט ער געזאגט, ווען ער איז געווען א אינגל אדער בחור'ל, האט אים איינער געגעבן א שטארקע

---

מוסרים ומדות וחכמי העולם ג"כ חברו ספרים כמו שהמציאו מלבם בדרכי המוסר כיצד יתנהג האדם עם חברו, **לפיכך התחיל התנא במסכת זו, משה קבל תורה מסיני לומר לך שהמדות והמוסרים שבזו המסכת לא בדו אותם חכמי המשנה מלבם אלא אף אלו נאמרו בסיני**".

**לו.** עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות י"ח-י"ט: כי זה כלל בכל הדברים שבקדושה כשאדם רוצה לעשות איזה דבר שבקדושה כדי לזכות לתכלית הטוב שזוכין על ידי מצוה הזאת, אזי אי אפשר לו להגיע לקדושה זאת כי אם כשמסייעין לו מן השמים ומאירין עליו ההארה בהעלם משורש הקדושה הזאת שהוא רוצה להגיע אליה, ובלא זה לא היה אפשר לו לעולם להגיע לקדושה זאת... וענין זה מרומז קצת גם בכתבי האר"י ז"ל, שמבאר שם, שכשאדם רוצה לעשות איזה מצוה אזי באה זאת הנשמה שהיתה עוסקת במצוה זאת ומסייעה לו לעשות המצוה, ובלא זה לא היה יכול לגמרה מעוצם המניעות של הבעל דבר. וזה סוד 'הבא לטהר מסיחעין לו', עיי"ש היינו כנ"ל. כי הנשמה שעסקה בחייה במצוה זאת היא נכללת עכשיו בשורש קדושת המצוה הזאת, כי 'כפום מה דאתדבק בר נש בהאי עלמא הכי' וכו'. ועל כן כשאדם רוצה עכשיו בזה העולם לקיים מצוה זאת באה עליו נשמת אותו צדיק. ועל ידי זה נמשך עליו שורש הקדושה של המצוה הזאת, כי שם נכללה נשמה של זה הצדיק כנ"ל ועל ידי זה זוכה לגמור המצוה הזאת וכנ"ל.

טשעפע, און ער האט יענעם געהאט וואס צו ענטפערן אזוי ווי אין טאטנ'ס טאטן אריין... האט ער זיך איינגעהאלטן, ער האט זיך איינגעהאלטן. און אזוי איז ער געבליבן. אט דאס האט אים געגעבן א רוח, און פון דעם איז דאס געבליבן כל ימיו.

עס שטייט פונעם גאון[לז], אז א מענטש טוהט א גוטע זאך, באקומט ער א רוח וואס זאל אים ווייטער באגלייטן.

ממילא, די ערשטע זאך אין די יונגע יארן איז, זיך איינקויפן 'דעת תורה', לימוד התורה, זיך אויסלערנען גוט צו לערנען, גוט קענען לערנען, הארעווען אין לערנען, און מען דארף זיך פרייען אז די יגיעה גיב איך אוועק פארן אויבערשטן!

### קומט ארבעטן ביי מיר!

אין זוהר שטייט[לח]: "**וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים וּבְכָל עֲבֹדָה בַּשָּׂדֶה אֵת כָּל עֲבֹדָתָם**"[לט]. "**בעבודה קשה**" – בקושיא; די גמרא האט דאך קשיות - שווערע רש"י'ס און שווערע גמרא'ס, דאס איז דער 'עבודה קשה'. און "**בחומר**" - בקל וחומר; עס איז דאך דא שווערע הלכות ווי מען איז מברר אַן הלכה, עס איז שווער. "**ובלבנים**" – בליבון שמעתתא, ביז עס ווערט קלאר א סוגיא דארף מען איבערגיין עטליכע מאל, אסאך מאל, ביז מען קען גוט דער סוגיא. "**ובכל עבודה בשדה**" – דאס איז ברייתא, און "**את כל עבודתם**" – דאס איז משנה.

---

**לז.** בפירושו על משלי, א, כג, "אביעה לכם רוחי": "בכל דבר שאדם עושה נותנין לו רוח ממרום והוא המסייע אותו לעשות דברים עוד כאלה וזה הרוח אינו נח ושקט עד שעושה עוד דברים כאלה והוא נהנה מהם ... וכן בדבר מצוה גדולה בא רוח ממקום קדוש מאוד ומתאוה מאוד למצוה ונהנה מאוד מחמת זה ממצוות".

**לח.** פר' בראשית דף כ"ז ע"א.

**לט.** שמות א, יד.

רבי צדוק פון לובלין פרעגט[מ]: דו נעמסט א פסוק פון גלות און די טייטשט עס איין אויף דער תורה? וואס איז דאס? עס איז דאך א גלות פסוק "**וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה**", ווי טייטשט מען עס איין אויף דער תורה?

זאגט ער, יא, ביים חטא עץ הדעת האט זיך ארייַנגעכאפט אין אונז אידישע נשמות 'זוהמא', אסאך זוהמא. און דורך מצרים, פון די צרות וואס מען האט געהאט, איז מען נזדכך געווארן, האט מען זיך גענומען שרייַען צום אויבערשטן.

זאגט ער, (אמר הקב"ה:) איך האב ענק א גוטע עצה: וואס דארפט איר ארבעטן ביי פרעה? קומט ארבעטן ביי מיר! איך וועל ענק געבן א גמרא, הארעוועט שווער, פרעגט קשיות מיט תירוצים, דו קענסט ביז דערווייל טרינקען א גלאז טיי און אנצינדן אַן אייוועלע זיך אנצואווארעמען... ארבעט א גוטע ארבעט, ארבעט ביי מיר! קומט ביי מיר!

די זעלבע פסוק – צו וואס דארפט איר דאס געבן פרעה'ן? גיבט עס מיר! זיצט און פרעגט קשיות און ענטפערט תירוצים, הארעוועט, הארעוועט אין שבירת היצר, אין קיום התורה, אדרבה, ממש "אשרי מי שעמלו בתורה, עס איז מורא'דיג! "אדם לעמל יולד", קומט ארבעטן ביי מיר, "אשרי מי שעמלו בתורה" - קומט ארבעטן ביי מיר! ארבעט ביי מיר, קויפט איין נצחיות! עס איז א געוואלדיגע זאך!

און אדרבה, "**לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא**"[מא], עס איז אַן אנדער צער און אַן אנדער "אגרא". עס איז דאך א חכמה דקדושה - בייטן אויף טוב.

שוין, דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך באנייען צו טוהן אין 'סור מרע' און 'עשה טוב' און אין 'שמירת הזמן', מען זאל שטייגן

**מ.** פרי צדיק לחג הפסח, אות א'.

**מא.** משניות אבות פ"ה, מ' כ"ג.

אין תורה ויראת שמים! איר זאלט זוכה זיין עס זאל ענק זיין גוט 'כל הימים' ברוחניות ובגשמיות!

בס"ד

# הזכותים נצחיים

## לספר "דורשי יחודך" – יסודי היהדות

שיחות ומאמרים של הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א
באידיש מועתק מלשונו הזהב

## פטרון המהדורה

$18,000.00

## פטרון המאמר

$3,600.00

| | | |
|---|---|---|
| מאמר<br>תכלית החיים | מאמר<br>אמונה פשוטה | מאמר<br>ואני תפילה |
| מאמר<br>בטחון ברחניות | מאמר<br>כוחה של תורה | מאמר<br>ישוב הדעת |
| מאמר<br>ולאחיו יאמר חזק | מאמר<br>שבת יום חמדתו | מאמר<br>זכרון עלמא דאתי |
| מאמר<br>נעים זמירות ישראל | מאמר<br>עבדו את ה' בשמחה | מאמר<br>את בריתי תשמור |

## פטרון המפתחות

$4,200.00

לקנות זכות נצחי נא לקרוא 347-374-1962
או 718-938-9930

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם
ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מפרסמין עושה מצוה

להני נדיבים בעם, שהשתתפו בעין טובה וברוח נדיבה, בהוצאות החודש הזה

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

לע"נ הרה"ח **ירחמיאל** ב"ר **עוזר הכהן** ע"ה
נפטר ביום כ"ט טבת

ולע"נ מו"ה **אברהם יחיאל** ב"ר **חיים** ע"ה
נפטר ביום א' טבת

**ת.נ.צ.ב.ה.**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דבזכות זה יזכו לרב ברכות וישועות, בבריות גופא
ונהורא מעליא, שמחה ונחת כל הימים, אכי"ר.

# לזכרון עולם בהיכל ה'

נשמת האי גברא רבא ויקירא, עוסק באורייתא תדירא,
נפש יקרה, מזקני ומפארי הדור הקודם
ה"ה

## מוה"ר **חנני' יו"ט ליפא** ב"ר **אברהם** ע"ה

נפטר ביום כ"ח טבת

ולזכרון האשה החשובה

## מרת **חי'** בת **חנני' יו"ט ליפא** ע"ה

נפטר ביום כ"ח טבת

תהא נשמתם צרורים בצרור החיים בגן עדן, עם נשמות הצדיקים והצדקניות, ובמהרה יקיצו וירננו שוכני עפר, בביאת משיח צדקנו אמן

הונצח על ידי נכדו ובנה
הרב **ישראל משה לעפללער** שליט"א

# יאמין לבך

עס איז דא א זוהר (עי' זוהר לך דף עז.), אז א מענטש גייט אראפ אויף דער וועלט און ער ווערט מצווה צו לערנען און צו דאווענען און זיך היטן פון עוונות און אדורכגיין דער וועלט על פי התורה, פרעגט א מענטש דעם אויבערשטן: 'ווי קען מען נאַנט ווערן – עס איז דאך דא אזויפיל מעברים מיט עגמת נפש וואס עס גייט איבער אויף דער וועלט?!'

דער אויבערשטער זאגט: **איך האב מתקן געווען מפתֵחות פון הונדערט ישועות!** דאס איז די 'מאה ברכות' צו מאכן יעדן טאג, דורך דעם וועסטו דורכגיין דער וועלט און נישט נתפעל ווערן וואס עס גייט איבער! דו וועסט ממתיק זיין אלע דינים פון דיר און פון אנדערע!

**'אשרינו מה טוב חלקנו' וואס אונז ווייסן פון אזא גוטע עצה! סיי, צו ניצול ווערן פון אלע צרות, און סיי, די קירבת אלקים וואס מען האט אויף אייביג פון דער כוונה פון די ברכות!**

**"בְּרוּכִים אַתֶּם לַה' עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ"**

'אשרינו מה טוב חלקנו' וואס מיר שפירן דער גליק און די ישועה אז מיר זענען אידן! מיר האבן מקבל געווען דער תורה פון משה רבינו! דער אויבערשטער האט ליב יעדן אידן אזוי שטארק! מיר זענען זיינע נבראים וואס דער אויבערשטער האט ליב – אונז, און א יעדע עבודה – יעדעס באזונדער! און וואס ער גיט אונז, גיט ער עס געטריי. ער בעט נאר איין זאך: מאך א ברכה בכוונה! מען קויפט זיך איין 'דער' וועלט מיט 'יענער' וועלט!

(מתוך דברות קודש יום זאת חנוכה דהאי שתא העעל"ט)